# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

380 פרשת אמור תשפ"א

## מאוצרות אמונים — פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### נישט אינזין האבן איז מטמא די תפילה

**"אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו"** (כא א)

דער טאלטשאווער רב **רבי משה דוד אשכנזי** טייטש:

די ווארענונג איז געזאגט געווארן אויך פאר כלל ישראל, וואס ווערן אנגערופן כהנים, אזוי ווי עס שטייט (שמות יט ו): "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים" (ראה 'בעל הטורים' שם). ווייל בזמן הזה זענען די תפילות אנשטאט די קרבנות, קומט אויס אז יעדער איד וואס דאווענט איז ער ווי א כהן וואס איז מקריב א קרבן, און די תורה ווארנט אים אן: "לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא" - ער זאל נישט דאווענען אן כוונה, ווייל מיט דעם איז ער מטמא זיין תפילה וואס ווערט אנגערופן 'נפש' (זעה שמואל-א א, טו). ווייל 'תפילה בלא כוונה כגוף בלא נשמה' ('חובת הלבבות' שער חשבון הנפש ג), און אזוי ווי א קערפער אן קיין נשמה איז טמא טומאת מת, אזוי אויך נישט אינזין האבן איז מטמא די תפילה.

'באר שבע'

### די 'קרבן' פון מאה-ברכות ברענגט אראפ שפע

**"וְהִקְרַבְתֶּם עַל הַלֶּחֶם"** (כג יח)

**רבי יעקב צבי יאליש** בעל 'מלא הרועים' זאגט:

זאגן די מאה ברכות יעדן טאג ברענגט אראפ א שפע פון עסן און פרנסה אויף דער וועלט. דאס איז אויך מרומז אין די נאמען פון דוד המלך וואס האט מתקן געווען די תקנה (במדב"ר יח כא): "דוד בן ישי... **בית הלחמי**" (שמואל א' יז נח), אין זיין זכות האבן די מענטשן **לחם** און שפייז. אויך אונזער פסוק איז מרמז אויף דעם; "וְהִקְרַבְתֶּם עַל הַלֶּחֶם" - אויב ענק וועלן מקריב זיין 'על' [בגימטריה מאה] ברכות יעדן טאג, וועט ה' שיקן שפע פרנסה פון הימל און קיינמאל וועט ענק נישט פעלן פון ענקער שפייז.

'קול יעקב'

### דאווענען אין יו"ט - איז א חוב מן התורה

**"מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ"** (כג ב)

עס איז באקאנט די מחלוקת פונעם **רמב"ם** און **רמב"ן** וועגן די מצוה פון תפילה יעדן טאג, צי עס איז א חיוב מן התורה אדער נאר מדרבנן: דער רמב"ם (ספר המצות עשה ה) האלט אז תפילה איז א מצות עשה מן התורה, דאקעגן דער רמב"ן (בהשגותיו שם) האלט אז תפילה יעדן טאג איז נאר מדרבנן, און מן התורה איז נישט קיין חיוב צו דאווענען נאר אין צייט פון א צרה.

אין אונזער פרשה טייטש דער **רמב"ן** דעם פסוק: "מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ" - "אין דעם טאג זענען אלע פאררופן און איינגעזאמלט אים צו הייליגן. ווייל עס איז א מצוה אויף די אידן זיי זאלן זיך צוזאם נעמען אין די הויז פון גא-ט אין די טעג פון מועֵד - **הייליגן דעם טאג בפרהסיא מיט דאווענען** און לויבן דעם גא-ט...". און דער **'בית יוסף'** שרייבט אז וועגן דעם האט מען אריינגעלייגט דעם לשון ביי דער נוסח התפילה פון די ימים טובים - "ותתן לנו... מועדים לשמחה... מקרא קודש".

לויט דעם, טוט אויף דער **'פרי מגדים'** אז ווען עס האנדלט זיך איבער ימים טובים האלט אויך דער רמב"ן אזוי ווי דער רמב"ם אז דער חיוב פון דאווענען איז מדאורייתא, און נאכמער, ווייל ער שרייבט אז מ'דארף "הייליגן דעם טאג **בפרהסיא** מיט דאווענען", זעט אויס אז לוט אים אויך דער חוב פון דאווענען מיט א מנין אין די ימים טובים איז מן התורה, ווייל די חכמים זאגן (סנהדרין עד ב): "אין 'פרהסיא' פחותה מעשרה בני אדם".

אבער דער **האדר"ת** ערקלערט אז די סיבה פארוואס דער רמב"ן שרייבט אז מ'דארף הייליגן דעם יום טוב מיט תפילה, איז נישט צוליב א ספעציעלע חוב פון דאווענען אין די ימים טובים, נאר צוליב וואס זיי זענען טעג פון דין, אזוי ווי די חכמים זאגן (ר"ה טז א): "בארבעה פרקים העולם נידון: בפסח על התבואה, בעצרת על פירות האילן, בראש השנה - כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון... ובחג [יו"ט סוכות] נידונין על המים". און ווען מען משפט דער וועלט איז עס גערעכנט ווי א עת צרה, וואס דער רמב"ן לערנט אז מן התורה איז דעמאלטס דא א חיוב אגאנץ יאר צו דאווענען.

'בית יוסף' או"ח תפז ד"ה סדר היום; 'פרי מגדים' שם תצ במשב"ז ב; 'עטרות אדר' ויקרא כב לב

### בברכה שלמה ונאמר אמן

**"תָּמִים יִהְיֶה לְרָצוֹן כָּל מוּם לֹא יִהְיֶה בּוֹ"** (כב כא)

עס איז א אפענע הלכה בי די קרבנות (מגילה כח א; מנחות סד ב) אז כאטש אלע בהמות וואס זענען אין שטאל זענען גאנץ אן א מום, דארף מען אויסוועלן פון זיי פאר א קרבן דווקא דעם 'מיוחד' פון זיי. נאכמער, אויך ווער עס האט שוין גע'שחט'ן זיין קרבן, אויב האט ער געטראפן מער א שענערע בהמה פון דעם, מעג ער עס מקריב זיין, און אין דעם איז דא א ענין פון הידור מצוה.

פון די הלכה קענען מיר זיך אפלערנען אויף די ענין פון תפילה וואס מ'האט מתקן געווען אנשטאט די קרבנות (ברכות כו ב); אזוי ווי ביי א קרבן דארף דער בעל הבית זיך משתדל זיין ברענגען דעם 'מיוחד' פון אלע בהמות, אזוי אויך ביים דאווענען - דער וואס דאווענט דארף זיך משתדל זיין אז זיינע תפילות זאלן געזאגט ווערן אויף דעם בעסטן וועג. דעריבער, ווייל ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה (רמ"א או"ח קסז ב), און א ברכה וואס איז נישט געענטפערט געווארן מיט א אמן איז נישט קיין שלימות'דיגע ברכה (זהר פר' עקב דף רעא א), איז פאסיג מ'זאל אכטונג געבן זאגן די ברכה פאר אנדערע זיי זאלן קענען ענטפערן 'אמן', און אויך ענטפערן 'אמן' נאך די ברכה פון אנדערע, און דורך דעם דערלאנגט מען א שלימות'דיגע קרבן פאר ה'.

נשיא 'בני אמונים' רבי יעקב דב מארמארשטיין שליט"א

### יעלה עינוינו פון ערב יום כיפור

**"וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב"** (כג לב)

די חכמים (ברכות ח ב) וואונדערן זיך אויפן לשון הפסוק: "וכי בתשעה מתענין? והלא בעשרה מתענין!". ענטפערן זיי: "אלא לומר לך: כל האוכל ושותה בתשיעי - מעלה עליו הכתוב כאילו מתענה תשיעי ועשירי" (ברכות ח ב).

מיט דעם ערקלערט דער גער'ער רבי בעל **'לב שמחה'** וואס מיר זאגן אין דעם פיוט 'יעלה תחנוננו' ביי מעריב פון יום כיפור: "יעלה עינוינו מערב". לכאורה וואספארא פשט איז דאס צו בעטן ביינאכט אנהויב די פאסטן, בעפאר מ'האט געפילט עפעס א צער? נאר ווייל די חכמים זאגן אז אויך עסן אין ערב יום כיפור ווערט גערעכנט פאר א תענית, קען מען זאגן אז די ווערטער "יעלה עינוינו מערב" גייט ארויף אויפן 'תענית' פון ערב יום כיפור.

'לב שמחה' יום כפור

פון די הייליגע מויל פון רבי שמעון האבן מיר באקומען די הבטחה, אז אין זכות פון ענטפערן אמן -

עפענען זיך די טויערן פון הימל, און די תפילות פון כלל ישראל ווערט אנגענומען (וילך רפה ב).

א געוואלדיגע פרייד הערשט אין אלע עולמות (שם).

מ'איז זוכה צו אריכות ימים (שלח קסב א).

מ'צורייסט דעם שלעכטן גזר דין פון זיבעציג יאר (תקו"ז מ א).

מ'איז זוכה צו א ספעציעלע שמירה אזוי ווי עס שטייט (תהילים לא כד): "אֱמוּנִים נֹצֵר ה'" (וילך רפו א).

ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.

לכבוד די הילולא קדישא פון רשב"י, לאמיר אלע מקבל זיין אויף אונז מקפיד זיין מרומם און מפאר זיין דעם אייבערשטנ'ס נאמען דורך ענטפערן אמן מיט כוונה, נאך די ברכות השחר און נאך יעדע תפילה און ברכה, און דורך דעם וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו אלע ישועות און ברכות.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'יגדל' (ג): דער צווייטער עיקר - יחוד ה'

### דער מקור פון גלייבן אין יחוד ה'

דער צווייטער שטיקל אין פיוט: "אחד ואין יחיד כיחודו, נעלם, וגם אין סוף לאחדותו", שילדערט דעם צווייטן עיקר פון די י"ג עיקרי האמונה - 'יחוד ה'', וואס אויף דעם זענען מיר באפוילן געווארן אין פסוק (דברים ו ד): "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד". נאך וואס מיר זענען באפוילן געווארן גלייבן אין מציאות ה' און אז ער האט באשאפן דער וועלט און פירט עס א גאנצע צייט, האט אונז די תורה באפוילן מיר זאלן גלייבן אז דער אייבערשטער איז א 'איינציגער', אזוי ווי מיר זאגן ביי די נוסח פון 'אני מאמין': "שהבורא יתברך שמו הוא יחיד ואין יחידות כמוהו בשום פנים והוא לבדו אלוקינו היה הוה ויהיה". און רבי דוד הכוכבי שרייבט (ספר הבתים ספר מצוה מ"ע ב) כדי מיר זאלן מחזק זיין אין אונז דער עיקר, זענען מיר באפוילן געווארן ליינען קריאת שמע יעדן טאג אינדערפריה און ביינאכט.

דער רמב"ם (קריאת שמע א ד, ע"פ פסחים נו א) שרייבט אז בעפאר די פטירה פון יעקב אבינו האט ער אנגעזאגט זיינע קינדער זאלן זיך שטארקן אין דער עיקר, און דאס זענען זיינע ווערטער: "מיר האבן בקבלה פון די פריערדיגע, בשעת יעקב אבינו האט צוזאם גענומען זיינע קינדער אין מצרים פאר זיין שטארבן, האט ער זיי באפוילן זיי זאלן גלייבן אין יחוד השם און גיין אויף דער וועג וואס אברהם און יצחק זיין פאטער זענען געגאנגען... און זיי געפרעגט: מיינע קינדער, אפשר איז דא צווישן ענק איינער וואס האלט נישט אזוי ווי מיר אין יחוד השם?... האט אלע געענטפערט און געזאגט: שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, טייטש, הער צו אונזער פאטער ישראל, ה' אלקינו ה' אחד".

### די באדייט פון גלייבן אין יחוד ה'

עס זענען דא אסאך איינצעלהייטן אויף דער וועלט וואס מ'קען זיי אנרופן ווי 'יחידים', אבער אין אמת'ן זענען זיי צוזאמגעשטעלט פון פארשידענע כוחות און איינצעלהייטן און דעריבער איז שייך מ'זאל זיי צוטיילן. אזוי ווי ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן, איז ער נישט גערעכנט געווען פאר א יחיד כאטש עס זענען נישט געווען נאך מענטשן, ווייל ער איז צוזאמגעשטעלט פון פארשידענע גלידער, פילפארביגע געפילן און עטליכע סארט רצונות. אקעגן דעם ווען מיר זאגן אויף ה' יתברך אז ער איז 'אחד', איז אונזער כוונה אויף א אייביגע איינציקייט, וואס איז נישט צוזאמגעשטעלט פון איינצעלהייטן. הקדוש ברוך הוא איז אויסדריקליך א "אחד", וואס איז נישטא נאך אין זיין גלייכן אויף דער וועלט (רמב"ם יסודי התורה א ז, ב י).

צו דעם, די מענטשן טון אים איינערקענען דורך זיינע אקטיוויטעטן, און דורך דעם ווערט ער אמאל אנטפלעקט אלץ א רחום וחנון, און אמאל ווי א דיין וואס שטראפט. צוליב דעם האבן אסאך פילאסאפן געהאט א טעות און געזאגט אז עס זענען דא אסאך געטער וואס יעדער האט זיין אייגנשאפט אנדערשט פון די אנדערע. דעריבער באטאנט די תורה: "ה' אחד" - ה' איז אחד יחיד, ער אליין האט באשאפן דער וועלט און ער אליין האלט און פירט עס יעדע מינוט און סקונדע, אן נאך כוחות, און עס איז נישטא נאך א באשעפער אדער א מנהיג אויסער אים ('ראש אמנה' פרק כ בדעת הרמב"ם שם; 'דרך ה'' ח"ד פ"ד אות א).

דאס האט דער משורר אינזין געהאט זאגנדיג: "אחד" - הקדוש ברוך הוא איז א 'יחיד' אין צאל און עס איז נישטא נאך א הערשער און א געוועלטיגער אויסער אים, דאס זעלבע: "ואין יחיד כיחודו" - אויך די סארט 'יחיד' וואס ער איז, איז נישטא נאך אין זיין גלייכן אויף דער וועלט (סידור היעב"ץ; סידור 'אור החמה'). אויסער דעם איז ער: "נעלם וגם אין סוף לאחדותו". ד.מ. טראץ אז 'אין קץ לאחדותו' - צו זיין איינציגקייט איז נישטא קיין ענדע, נאר עס פילט אן דעם גאנצן וועלט און מיר פילן עס יעדע מינוט, פון דעסוועגן איז עס פארהוילן פון אונזער שכל, ווייל מיט אונזער באגרעניצטן שכל האבן מיר נישט די מעגליכקייט צו פארשטיין איר באדייט ('עץ יוסף' בסידור 'אוצר התפילות').

### אחד יחיד ומיוחד

די ריכטיגע אמונה אז ה' איז דער איינציגסטער געוועלטיגער אין וועלט איז א "עיקר גדול שהכל תלוי בו" (רמב"ם יסודי התורה א ו). און אזוי שרייבט דער רמח"ל אין זיין ספרו 'דעת תבונות' (פל"ו): "דער וואס גלייבט אין יחוד ה' און פארשטייט דעם ענין, דארף גלייבן אז הקב"ה איז אחד יחיד ומיוחד, ער האט אינגאנצן נישט קיין אפהאלט אויף קיין שום וועג, נאר ער אליין געוועלטיגט אויף אלעס... עס איז נישטא איינער אונטער אים וואס זאל האבן א כח געוועלטיגן אויף דער וועלט, ד.מ. עס איז נישטא קיין שר און א צווייטער כח, אזוי ווי די עובדי עבודה זרה האבן געמיינט. און נישט נאר דעס, נאר ער אליין איז משגיח אויף זיינע באשעפענישן מיט א השגחה פרטית, און קיין שום זאך אויף דער וועלט ווערט נישט פון זיך אליין נאר דורך זיין ווילן און דורך אים, נישט פארצופאל און נישט דורך די טבע אדער א מזל, נאר ער איז דער שופט כל הארץ און אלעס וואס איז דא אין איר, און אלעס וואס ווערט געטון אין די עליונים און תחתונים ביז די סוף פון אלע שטאפלען פון די גאנצע בריאה איז פון אים אליין".

און דער סמ"ג זאגט שוין עדות (מ"ע ב): "אלע אידן זענען באפעסטיגט מיט א שטארקע אמונה אז דער באשעפער פון אלעס איז אחד יחיד ומיוחד". די אמונה איז אזוי שטארק איינגעווארצלט אין די אידישע הערצער, אזוי ווייט אז אין אלע דורות האבן די אידן זיך מוסר נפש געווען אויף יחוד ה', אזוי ווי מ'זעט אין די תפילה: "אבינו מלכינו עשה למען טבוחים על יחודך".

### אקעגן די מיינונג פון די מינים

ספעציעלע תקנות האבן די חכמים מתקן געווען כדי מיר זאלן זיך דערווייטערן פון די מינים וואס זאגן אז עס זענען חלילה דא 'שתי רשויות'. ביי די ברכות קריאת שמע, האט מען מתקן געווען זאגן ביי שחרית: "יוצר אור ובורא חושך" און ביי מעריב: "גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור"; מ'דערמאנט דירעקט בייטאג און ביינאכט סיי די טונקלקייט און סיי די ליכטיגקייט, און האבן זיך נישט באגנוגנט מיטן דערמאנען די ליכטיגקייט בייטאג און די פינסטערניש ביינאכט, כדי ארויסברענגען אנדערשט פון די מינים וואס זאגן אז דער וואס האט באשאפן די ליכטיגקייט האט נישט באשאפן די פינסטער, און צו וויסן טון אז איין באשעפער האט אלעס באשאפן (רבינו יונה ברכות ה ב בדה"ר).

נאך שטייט אין משנה (ברכות לג ב) "האומר...: 'מודים מודים' - משתקין אותו". די גמרא (שם) ערקלערט די סיבה פון דעם, ווייל ווען דער מענטש דאפלט א לשון פון הודאה, זעט עס אויס ווי ער טוט איינערקענען אין שתי רשויות חלילה, און אזוי אויך דער וואס זאגט: "שמע שמע" דארף מען שטיל מאכן, ווייל עס זעט אויס אז ער איז מקבל אויף זיך דער עול פון צוויי רשויות. און אין ירושלמי (מגילה ד י) שטייט נאך, אז צוליב די סיבה דארף מען אויף שטיל מאכן דער וואס זאגט: "אמן אמן".

דער בורא יתברך איז **אחד** און אין עוד מלבדו, אין די גאנצע באשעפעניש איז **אין יחיד כיחודו** מיט א ריכטיגע און שלימות'דיגע אחדות וואס איז נישט צוזאמגעשטעלט פון פארשידענע טיילן. ער איז **נעלם** פון אונזער באגריף, טראץ אז: **ואין סוף לאחדותו** וואס פילט אן די גאנצע בריאה.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א יונגל - דורך די באפעל פון בית דין

דער גרויסער גאון רבי פינחס עפשטיין זצ"ל ראב"ד העדה החרדית אין ירושלים איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע קנאות אויף יעדע דבר שבקדושה. זייענדיג דער ראב"ד פון די בית דין 'העדה החרדית' איז ער געווען פאראנטווארטליך אויף געבן די תעודות פון די מהודר'דיגע הכשר פון די בד"ץ פאר פאבריקן וואס זענען אריבער א גרונטליכע אונטערזוכונג דורך די ועד הכשרות וואס זענען אונטער די בד"ץ.

די ביזנעס-לייט אין שטאט ירושלים און אויך אויסערן שטאט האבן געוואוסט אז נישט אזוי גרינג וועט זיי אנקומען ארויסבאקומען א תעודת כשרות פון די ערליכע הענט פון דער ראב"ד, שטייענדיג פעלזן-פעסט און שטרענג אויף יעדע האר וואס בית הדין האט באפוילן עס זאל פונקטליך אויסגעפירט ווערן אן נאכלאזן און פשרות. זיינע ספעציעלע הנהגות און דקדוקים האבן צוגעברענגט אז די הכשר פון די בד"ץ האט שטארק מצליח געווען און גאנץ כלל ישראל פארלאזט זיך אויף דעם אן קיין צווייפיל.

אויסער די אנדערע הקפדות וואס ער האט איינגעפירט אין די כשרות-סיסטעם וואס איז אונטער זיין הנהגה, האט דער ראב"ד זיך אויך אפגעהאלטן פון צו געבן א הכשר אויף פראדוקטן וואס ווערן פאררעכנט אין זיינע אויגן ווי 'מותרות', טענה'נדיג אז עס איז אינגאנצן נישט גערעכט צו נעמען אויף זיך אזא שווערע אחריות ווי צו געבן א הכשר מיט אלעס ארום, אויף אזאך וואס איז נאר מותרות.

צוליב זיין ספעצילע אחריות פלעגט דער רב פון מאל צו מאל אנקומען פלוצלינג אין די פאבריקן. צוזאמען מיט די חברי הבד"ץ פלעגט ער פלוצים ערשיינען כדי צו קענען נאכקוקן פון דער נאנט צי מ'פאלגט די הוראות בית דין. און טאקע אזוי, די פלוצלינגדיגע-באזוכן האבן איבערגעצייגט ווי וויכטיג זיי זענען, ווען נישט איינמאל און צוויי מאל האט פאסירט אז א גאנצע פאבריק האט שאדן געהאט זייער הכשר צוליב נישט אויספאלגן אלע באפעלן פון בי"ד וואס מ'האט געטראפן אין די פלוצלינגדיגע-באזוכן.

איינמאל איז דער ראב"ד מיט די חברי הביד"צ אנגעקומען אויף א פלוצימדיגע באזוך אין א פאבריק פון נאשערייען וואס דער בעל-הבית איז געווען א טייערער איד, א תלמיד חכם און א ירא שמים, א אפשטאמיגער פון ראמעניע.

ווען זיי זענען אריין אין פאבריק איז דער בעל הבית איבערראשט געווארן זיי צו זען, אבער מיט פרייד האט ער זיי באגלייט די גאנצע באזוך אין אלע אפטיילונגען פון די פאבריק, ווען ער שטייט אין זייט מורא האבנ'דיג טאמער מען וועט חלילה טרעפן אזאך וואס וועט צוברענגען מ'זאל אוועק נעמען די תעודת כשרות פון זיין לעבנ'ס-פאבריק.

אין לויף פון א לאנגע צייט האט דער ראב"ד צוזאמען מיט די חברי הבית דין שפאצירט אויף די לענג און ברייט פון די פאבריק, ווען זיי קוקן איבער יעדע מאשין עקסטער, זיי גייען ארום אין אלע זאלן און הערן זיך צו צו די ערקלערונגען פון דער וואס איז ממונה אויף די כשרות אויף דער פלאץ.

ענדליך האט זיך געענדיגט די באזוך מיט די פולע צופרידנהייט פון די דעלעגאציע, די פאבריק איז געווען אויסגעצייכנט אין אלע פאדערונגען פון די בד"ץ, און די רבנים האבן אויך אויסגעדרוקט זייער באגייסטערונג פון די ספעציעלע זאכן וואס איז דארט איינגעפירט געווען.

בעפאר זיי זענען ארויס פון דארט האט דער ראב"ד זיך געוואלט געזעגענען פונעם אייגנטומער פון די פאבריק, ווי גרויס איז געווען זייער איבערראשונג ווען דער מענטש האט זיך געוואנדן צו זיי מיט התרגשות און געזאגט:

"מורי ורבותי, אין מסכת ברכות (לא ב) לערנען ארויס די חכמים פון די ווערטער פון עלי הכהן צו חנה די מוטער פון שמואל, דערנאך וואס ער האט איר באטראכט אלץ א שיכורה (שמואל א' א יז): "לְכִי לְשָׁלוֹם וֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל יִתֵּן אֶת שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ" - "פון דא לערנען מיר אז דער וואס איז חושד זיין חבר מיט אזאך וואס איז נישט ריכטיג, דארף ער אים איבערבעטן, און נישט נאר דאס, נאר ער דארף אים אויך בענטשן". פון די ברכה, איז ווי באקאנט, געהאלפן געווארן חנה מיט א ישועה למעלה מדרך הטבע, און איז געבענטשט געווארן מיט א קינד".

דא האט דער מענטש אויסגעבראכן אין א געוויין און האט פארגעזעצט מיט א געשטיקטע שטימע: "ווען ענק האבן באשלאסן קומען דא אהער אויף א פלוצלינגדיגע באזוך, האבן ענק עס געטון נאר ווייל ענק האבן חושד געווען אין מיין נאמנות, יעצט ווען איך בין אריבער די אונטערזוכונג מיט הצלחה מיטן אייבערשטנ'ס הילף, קומט אויס אז איך בין פונקט ווי חנה וואס מ'האט איר חושד געווען מיט אזאך וואס איז נישט ריכטיג. איך מיט מיין פרוי זענען אסאך יארן קינדערלאז און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן, דעריבער בעט איך פון ענק אזוי ווי עלי הכהן בשעתו, זאלן ענק מיך איבערבעטן און גוזר זיין מיטן כח פון בית דין מ'זאל אונז פון הימל שענקען מיט קינדער!"

א שטילקייט האט געהערשט אין די אפיס, דער מענטש האט געזאגט זיינע ווערטער מיט התרגשות און א געהאקטע שטימע, אבער זיין טענה איז געווען קלאר!

נאך זיך בעראטן א קורצע צייט האט הרב עפשטיין זיך אנגערופן מיט א פעסטע שטימע: "דערנאך וואס מיר אלע, די חברי בית הדין, האבן איבערגעשמועסט די טענות פון דער מענטש, האבן מיר געזען אז ער איז גערעכט מיט זיינע טענות, מיר דארפן אים איבערבעטן און וואונטשן, און וועגן דעם זאגן מיר אים צו אז ביז א יאר וועט ער צוזאמען מיט זיין פרוי זוכה זיין צו א בן זכר בעזרת ה'".

און טאקע אזוי, אזוי ווי דער בית הדין האט גע'פסק'נט איז געווען, און אקעגן אלע אויסזוכטן פון די דאקטורים נאך ארום א יאר האט די פאר-פאלק געהאלטן א יונגל צו די פרייד פון אלע זייערע באקאנטע.

באלד נאך די געבוירן פון די קינד האט דער גערירטער פאטער זיך געאיילט גיין צום שטוב פונעם ראב"ד אים דערציילן אז זיין ברכה איז פארווירקליכט געווארן און אים איינלאדענען צו זיין דער סנדק ביי די ברית וואס וועט פארקומען אין די שמחות-זאל פון די שפיטאל 'ביקור חולים'. דער רב האט זיך מיטגעפריידט מיט זיין שמחה, און האט אנגענומען די איינלאדענונג און איםווארעם אנגעוואונטשן.

נאך וואס ער איז ארויס האט דער ראב"ד זיך אנגערופן צום אויפזעהער פון די כשרות-סיסטעם הרב אברהם אהרן שיינבערגער וואס איז געזיצן נעבן אים: "נאך אביסל וועט שוין יעדער רעדן אויף די 'מופת' וואס האט דא פאסירט, אבער זאלסט וויסן אז עס איז אינגאנצן נישט קיין 'מופת'".

דער ראב"ד האט פארגעזעצט זיינע ווערטער ווען ער דעקט אויף אביסל פון זיין ערליכקייט:

"ווען איך האב זיך צוריק געקערט צו מיין הויז נאך אונזער באזוך אין פאבריק, האב איך איבערגעטראכט די גרויסע אחריות וואס איך האב גענומען אויף מיר; דער פשוטער איד באטראכט דאך מיך פאר א גרויסער מענטש, ער איז זיכער אז דער ראב"ד ירושלים האט א כח גוזר זיין אין בית דין של מעלה, וואס וועט זיין אויב חלילה וועט נישט מקויים ווערן וואס מיר האבן צוגעזאגט - עס קען דאך צוברענגען צו א חילול ה'...

איך האב זיך נישט אויפגעהאלטן, און איך האב גענומען דעם תהלים'ל אין די הענט און אין לויף פון עטליכע שעות האב איך פארגאסן הייסע טרערן און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל העלפן דעם איד בדבר ישועה ורחמים. און ברוך ה' אז מיין תפילה איז אנגענומען געווארן און דער מענטש איז געהאלפן געווארן..."

'ויעמוד פנחס ויפלל' ח"א עמ' 168; 'טיב הקהילה' חג הסוכות עמ' תשעה

עיצובים shay